האָבנדיק דעם פאַרלאַנג נפטר צו ווערן און צו זיין
24 מיט משיחן, ווייל עס איז פיל בעסער; צו בלייבן
אָבער אינם פלייש איז פיל נויטיקער פאַר אייערט־
25 וועגן. און דאָס דאָזיקע ווייס איך גאַנץ געוויס, אַז
איך וועל בלייבן און זיין מיט אייך אַלעמען צו
26 אייער שטאַרקונג און שמחה פון גלויבן; כדי אייער
באַרימען זיך אינם משיח ישוע זאָל פאַרמערט ווערן
דורך מיין קומען צו אייך נאָכאַמאָל.
27 נאָר פירט זיך אויף ווי עס שטייט אָן דער בשורה
טובה פונם משיח, כדי צי איך קום און זע אייך,
אָדער קום נישט און הער וועגן אייך, אַז איר שטייט
אין איין גייסט, און קעמפט צוזאַמען מיט איין נפש
28 פאַר דער אמונה פון דער בשורה טובה, און אין
גאָרנישט אָנגעשראָקן פון די קעגנער: וועלכעס
איז צו זיי אַ באַווייז פון פאַרלוירן ווערן, צו אייך
אָבער פון רעטונג, און דאָס דאָזיקע איז פון
29 ג־ט; ווייל צו אייך איז געגעבן געוואָרן פון וועגן
דעם משיח, נישט נאָר צו גלויבן אין אים, נאָר
30 אויך צו ליידן פאַר אים; האָבנדיק דעם זעלביקן
קאַמף, וועלכן איר האָט געזען אין מיר, און איצט
הערט איר איז אין מיר.

## קאַפּיטל צוויי

1 אויב דעריבער עס געפינט זיך וועלכע נישט איז
טרייסט אין דעם משיח, אויב אַ מיטגעפיל פון
ליבע, אויב אַ חברותאשאַפט פון דעם גייסט, אויב
2 רחמים און באַרמהערציקייט, מאַכט מיין שמחה
פול, אַז איר זאָלט דענקען דאָס זעלביקע, האָבנדיק
די זעלביקע ליבע, זייענדיק אייניק, האָבנדיק
3 איין מחשבה; גאָרנישט טוענדיק דורך צאַנקעריי